NEW YORK STATE | Office of Children and Family Services

קיצור וועגווייזער פאר

# געפאדערטע באריכטערס

אין ניו יארק סטעיט

די מאטעריאל שטעלט צו געפאדערטע באריכטערס מיט אן איבערזיכט פון זייערע פליכטן און געוויסע אלגעמיינע אינפארמאציע איבער די ניו יארק סטעיט טשיילד שוץ סערוויסעס (CPS) סיסטעם.

## ווער זענען געפאדערטע באריכטערס?

ניו יארק סטעיט אנערקענט אז געוויסע פראפעסיאנאלן זענען ספעציעל אויסגעשטעלט צו דורכפירן די וויכטיגע ראלע פון געפאדערטע באריכטערס פון טשיילד אביוז אדער מאלטריטמענט. די פראפעסיאנאלן רעכענען אריין:

- ☐ דאקטער
- ☐ רעגיסטרירטע דאקטער'ס געהילף
- ☐ סורדזשען
- ☐ מעדיצינישע אינטערזוכער
- ☐ קאראנער
- ☐ ציין דאקטער
- ☐ צאן-דאקטאר הייגיעניסט
- ☐ אסטעאפעטה
- ☐ אפטאמעטריסט
- ☐ קייראפראקטער
- ☐ פיס דאקטער
- ☐ לייסענסד קריעיטיווע ארטס טעראפיסט
- ☐ לייסענסד הייראט און פאמיליע טעראפיסט
- ☐ לייסענסד מענטל העלט קאונסלער
- ☐ לייסענסד פסיכאאנאליסט
- ☐ לייסענסד אויפפירונג אנאליסט
- ☐ סערטיפייד אויפפירונג אנאליסט געהילף

- ☐ רעזידענט
- ☐ אינטערן
- ☐ פסיכאלאג
- ☐ רעגיסטרירטע נורס
- ☐ סאושעלווארקער
- ☐ עמערדזשענסי מעדיצינישע טעכניקער
- ☐ שפיטאל מאנשאפט באשעפטיגט מיט די איינטריט, אונטערזוכונג, קעיר אדער באהאנדלונג פון מענטשן
- ☐ קריסטליכע סייענס פראקטיצירער
- ☐ שולע באאמטע, אריינגערעכנט (אבער נישט באגרעניצט צו):
  - לערער
  - אנווייזונג קאונסלער
  - פסיכאלאג
  - סאושעל ווארקער
  - נורס
  - אדמיניסטראטור אדער אנדערע שולע איינגעשטעלטע וואס איז געפאדערט צו האלטן א טיטשינג אדער אדמיניסטריווע לייסענס אדער סערטיפיקאט
  - פולע אדער טייל-צייט באצאלטע שולע ארבעטער וואס איז געפאדערט צו האלטן א צייטווייליגע קאוטשינג לייסענס אדער פראפעסיאנאלע קאוטשינג סערטיפיקאט

- ☐ סאושעל סערוויסעס ארבעטער
- ☐ איינגעשטעלטע פון פובליק אויסגעהאלטענע עמערדזשענסי וואוינארט פאר פאמיליעס מיט קינדער
- ☐ דירעקטער פון א
  - קינדער'ס איבערנאכט קעמפ,
  - זומער דעי קעמפ אדער
  - פארנדיגע זומער דעי קעמפ
- ☐ דעי קעיר צענטער ארבעטער
- ☐ שולע עלטער טשיילד קעיר ארבעטער
- ☐ פראוויידער פון פאמיליע אדער - גרופע פאמיליע דעי קעיר
- ☐ ארבעטער אדער וואלונטיר אין א רעזידענשאל קעיר פאסיליטי פאר קינדער
- ☐ סיי וועלכע אנדערע טשיילד קעיר אדער פאסטער קעיר ארבעטער
- ☐ מענטל העלט פראפעסיאנאל
- ☐ סובסטאנץ אביוז קאונסלער
- ☐ אלקאהאליזם קאונסלער
- ☐ אלע מענטשן קוואליפיצירט דורך די NYS אפיס פון אלקאהאליזם און סובסטאנץ אביוז סערוויסעס

- ☐ איינגעשטעלטע פון א העלט היים אדער העלט היים קעיר מענעדזשמענט אגענטור וואס האבן קאנטראקטס מיט א העלט היים, וואס זענען ערווארטעט צו האבן געהעריגע און באדייטנדע פארבינדונג מיט קינדער.
- ☐ איינגעשטעלטע וואס שטעלן צו היים און קאמיוניטי באזירטע סערוויסעס אונטער א סאושעל סעקיוריטי אקט §1115 דעמאנסטראציע פראיעקט, וואס זענען ערווארטעט צו האבן געהעריגע און באדייטנדע פארבינדונג מיט קינדער.
- ☐ פרידן באאמטער
- ☐ פאליציי אפיציר
- ☐ דיסטריקט אדוואקאט אדער געהילף דיסטריקט אדוואקאט
- ☐ אויספארשער איינגעשטעלט אין די אפיס פון די דיסטריקט אדוואקאט
- ☐ סיי וועלכע אנדערע געזעץ פארסירונג באאמטע

*די גאנצע יעצטיגע ליסטע קען ווערן געפינען אין ארטיקל 6, טיטל 6, און אפטיילונג 413 פון די ניו יארק סאושעל סערוויסעס געזעץ. מען קען אויך צוקומען צו די וועבזייטל אנליין דורך די ניו יארק סטעיט'ס לעגיסלאטור'ס וועבזייטל (http://public.leginfo.state. ny.us/menuf.cgi). קליקט אויף געזעצן פון ניו יארק צוהאבן צוקומען צו סאושעל סערוויסעס געזעץ.*

# געפאדערטע באריכטערס

אין ניו יארק סטעיט

NEW YORK STATE | Office of Children and Family Services

## ווען בין איך א געפאדערטע באריכטער?

געפאדערטע באריכטערס זענען פארלאנגט צו באריכטן פארדעכטיגטע טשיילד אביוז אדער שלעכטע באהאנדלונג ווען זיי זענען פארגעשטעלט מיט א לאגישע סיבה צו פארדעכטיגן טשיילד אביוז אדער שלעכטע באהאנדלונג אין א סיטואציע וואו א קינד, עלטערן, אדער אנדערע מענטש לעגאל פאראנטווארטליך פארן קינד איז פאר די געפאדערטע באריכטער ווען די געפאדערטע באריכטער פירט זיך אין זיין אדער איר אפיציעלע אדער פראפעסיאנאלע אויפאהאלטונג. "אנדערע מענטש לעגאל פאראנטווארטליך" רעפערירט צו א גארדיען, קערינגעמער, אדער אנדערע מענטש 18 יאר אלט אדער עלטער וואס איז פאראנטווארטליך פאר די קעיר פון די קינד.

געפאדערטע באריכטערס וואס זענען סאושעל סערוויס ווארקערס האבן פארגרעסערטע באריכטן פאדערונגען. סאושעל סערוויס ווארקערס זענען פארלאנגט צו באריכטן ווען, אין זייערע אפיציעלע אדער פראפעסיאנאלע ראלע, זענען זיי פארגעשטעלט מיט א לאגישע סיבה צו פארדעכטיגן טשיילד אביוז אדער שלעכטע באהאנדלונג וואו סיי וועלכע מענטש איז פאר די געפאדערטע באריכטער און די געפאדערטע באריכטער פירט זיך אין זיין אדער איר אפיציעלע אדער פראפעסיאנאלע אויפאהאלטונג.

## וואס איז א פראפעסיאנאלע ראלע?

צום ביישפיל, א דאקטער וואס אונטערזוכט א קינד אין איר אפיס וואס האט א לאגישע פארדעכטיגונג פון אביוז מוז באריכטן איר זארג. אין קאנטראסט, די דאקטער וואס זעט טשיילד אביוז ביים פארן אויף איר בייק נישט ביי די ארבעט איז נישט געפאדערט צו באריכטן יענע אביוז. די געפאדערטע באריכטער'ס לעגאלע פאראנטווארטליכקייט צו באריכטן פארדעכטיגטע טשיילד אביוז אדער שלעכטע באהאנדלונג שטעלט זיך אפ ווען די געפאדערטע באריכטער הערט אויף פראקטיצירן זיין/איר פראפעסיע. זיכער, קען סיי ווער באריכטן סיי וועלכע פארדעכטיגטע אביוז אדער שלעכטע באהאנדלונג אין סיי וועלכע צייט און איז דערמוטיגט צו טון אזוי.

## לאגישע סיבה צו פארדעכטיגן

לאגישע סיבה צו פארדעכטיגן טשיילד אביוז אדער שלעכטע באהאנדלונג מיינט אז, באזירט אויף אייער ראציאנאלע אבזערוואציעס, פראפעסיאנאלע טרעינירונג און ערפארונג, האט איר א פארדאכט אז די עלטערן אדער אנדערע מענטש לעגאל פאראנטווארטליך פאר א קינד איז פאראנטווארטליך פאר שעדיגן די קינד אדער לייגן די קינד אין באלדיגע געפאר פון שעדיגונג. אייער פארדאכט קען זיין אזוי פשוט ווי נישט געטרויען אן ערקלערונג פאר א שעדיגונג.

## וואס איז אביוז און שלעכטע באהאנדלונג?

### *אביוז*

אביוז נעמט אריין די מערסט ערנסטע שעדיגונגען און/אדער ריזיקו פון ערנסטע שעדיגונגען צו קינדער דורך זייער קערינגעבער. אן אביוזטע קינד איז איינס וועמענס עלטערן אדער אנדערע מענטש לעגאל פאראנטווארטליך פאר זיין אדער איר קעיר מאכט אן ערנסטע פיזישע שעדיגונג פאר די קינד, מאכט א באדייטנדע ריזיקו פון ערנסטע פיזישע שעדיגונג, אדער באגייט א סעקס אפענס קעגן די קינד. אביוז נעמט אויך אריין סיטואציעס וואו אן עלטערן אדער אנדערע מענטש לעגאל פאראנטווארטליך ערלויבט וויסנדיגערהייט איינעם אנדערש אנצומאכן אזא שעדיגונג צו א קינד.

### *שלעכטע באהאנדלונג (נעמט אריין נאכלעסיגקייט)*

שלעכטע באהאנדלונג מיינט אז א קינד'ס פיזישע, מענטאל אדער עמאציאנאלע צושטאנד איז געווארן באגרעניצט, אדער געלייגט אין באלדיגע געפאר פון באגרעניצונג, דורך די פארפעלונג פון די עלטערן אדער אנדערע מענטש לעגאל פאראנטווארטליך צו געבן א מינומום דעגרי פון קעיר דורך:

- ✶ פארפעלט צוצושטעלן גענוג עסנווארג, קליידונג, שעלטער, עדיוקעישאן;

**אדער**

- ✶ פארפעלט צוצושטעלן געהעריגע אויפזיכט, גארדיאנשאפט, אדער מעדעצינישע קעיר *(רעפערירט צו אלע מעדעצינישע ענינים, אריינגערעכנט ציינער, אויגן, אדער סורדזשיקל קעיר)*; אדער
- ✶ מאכט איבערגעטריבענע פיזישע שטראפונגען, פארלאזן די קינד, אדער מיסבאנוצן אלקאהאל אדער אנדערע דראגס אזוי ווייט אז די קינד איז געלייגט געווארן אין באלדיגע געפאר.

ארעמקייט אדער פינאנסיעלע אוממעגליכקייט צו צושטעלן די אויבנדערמאנטע איז נישט שלעכטע באהאנדלונג.

***באמערקונג:*** *די אפטייטשונגען פון אביוז און שלעכטע באהאנדלונג זענען אנדערש פאר קינדער אין רעזידענשל פאסיליטיס אפערירט אדער לייסענסד דורך די סטעיט.*

## וויאזוי דערקען איך טשיילד אביוז און שלעכטע באהאנדלונג?

די ליסטע ענטהאלט אביסל אפטע ציינכנס פון אביוז אדער שלעכטע באהאנדלונג. די ליסטע ענטהאלט נישט אלעס, און געוויסע אביוזטע אדער שלעכט באהאנדלטעע קינדער קענען מעגליך נישט ווייזן קיין איינס פון די סימפטאמען.

### *ציינכנס פון פיזישע אביוז קענען אריינרעכענען:*

- ✶ שעדיגונג צו די אויגן אדערביידע זייטן פון די קאפ אדער קערפער *(טעות'דיגע שעדיגונג אפעקטירן געוועהנטליך נאר איין זייט פון די קערפער)*;
- ✶ אפטע שעדיגונגען פון סיי וועלכע סארט *(קלעפ-ציינכנס, שניטן, און/אדער בריען)*, ספעציעל אויב די קינד קען נישט צושטעלן א באדייטנדע ערקלערונג פון די גורם. דאס קען ערשיינען אין אנזעבארע פעטערנס אזוי ווי אנכאפן ציינכנס, מענטשליכע ביס ציינכנס, ציגערעטל בריען, אדער סימנים פון אנדערע אינסטרומענטן;
- ✶ שעדליכע, אגרעסיווע, אדער שטערנדע אויפפירנוג;
- ✶ פאסיווע, צוריקגעצויגענע, אדער געפיללאזע אויפפירונג;
- ✶ פחד פון אהיימגיין אדער פחד פון עלטערן.

### *ציינכנס פון געשלעכטליכע אביוז קענען אריינרעכענען:*

- ✶ סימפטאמען פון געשלעכטליך אריבערגעפירטע קראנקהייטן;

Office of Children and Family Services

קיצור וועגווייזער פאר

# געפאדערטע באריכטער

אין ניו יארק סטעיט

- ✶ שעדיגונג צו דזשעניטל פלאץ;
- ✶ שווערינקייטן און/אדער ווייטאג ביים זיצן אדער גיין; געשלעכטליך פארגעשלעכטלעכע, נישט פאסיגע, אדער אוממאראלישע אויפפירונג אדער רייד
- ✶ דרוקט אויס וויסנשאפט נישט פאסיג פאר עלטער פון געשלעכטליכע וויסנשאפט;
- ✶ געשלעכטליכע אונטערדרוקונג פון אנדערע קינדער.

### צייכנס פון שלעכטע באהאנדלונג קענען אריינרעכענען:

- ✶ קענטיגע נישט עסן גענוג, שוואכקייט, אדער פארמאטערטקייט;
- ✶ כאפט צו אדער בעט פאר עסן;
- ✶ מאנגל פון פערזענליכע קעיר—שוואכע פערזענליכע היגיענע, צוריסענע און/אדער שמוציגע קליידער;
- ✶ אומבאהאנדלטע געברויך פאר גלעזער, צאן-דאקטאר באהאנדלונג, אדער אנדערע מעדעצינישע אויפמערקזאמקייט;
- ✶ אפטע פארפעלונג אדער פארשפעטיגונג צו שולע;
- ✶ קינד אומפאסיג געלאזט אליין אדער אן אויפזיכט.

## ווי רוף איך צו מאכן א באריכט?

גלייך ווען איר פארדעכטיגט אן אביוז אדער שלעכטע באהאנדלונג, מוזט איר באריכטן אייערע זארגן צו די ניו יארק סטעיטווייד צענטראלע רעגיסטער פון טשיילד אביוז און שלעכטע באהאנדלונג (SCR). די SCR איז אפן 24 שעה א טאג, זיבן טעג א וואך, צו באקומען אייערע רוף. די צייטליכקייט פון אייער רוף איז קריטיש צו די צייטליכקייט פון אינטערווענץ דורך די לאקאלע דעפארטמענט פאר סאושעל סערוויסעס' טשיילד באשיצנדע סערוויסעס (CPS) איינהייט. איר זענט נישט געפאדערט איינצומעלדן די עלטערן אדער אנדערע מענטשן לעגאל פאראנטווארטליך פאר אדער נאך אייער רוף צו די SCR. אין פאקט, אין געוויסע פעלער, קען ווארענען די עלטערן שטערן די לאקאלע CPS אויספארשונג און אומגינסטיג אפעקטירן די מעגליכקייט אפצושאצן די זיכערהייט פון די קינדער. די טעלעפאן נומערן צו באריכטן אביוז אדער שלעכטע באהאנדלונג דורך אן עלטערן, פאסטער קעיר אדער דעי קעיר זענען:

**געפאדערטע באריכטער (800) 635-1522**

**פובליק האטליין (800) 342-3720**

**פאר אביוז דורך אינסטיטוציע איינגעשטעלטע: 1-855-373-2122**

מינדליכע באריכטן פון א געפאדערטע באריכטער מוזן ווערן נאכגעפאלגט אין די 48 שעה מיט א געשריבענע באריכט צו די לאקאלע דעפארטמענט פאר סאושעל סערוויסעס' CPS איינהייט אויף בויגן LDSS-2221A.

מען קען באקומען א קאפיע פון דעם בויגן און די לאקאלע פאסט אדרעס דורך זיך פארבינדן מיט אייער לאקאלע דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס, אדער דורך באזוכן די ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (OCFS) וועבזייטל ביי **ocfs.ny.gov**. קליקט אויף "בויגנס", דערנאך קליקט אויף "פראבירן א קי-ווארד סורטש..."', לייגט אריין די בויגן נומער אין די קעסטל און קליקט "טרעפן".

זיך צו פארבינדן מיט אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאושעל סערוויסעס, קליקט דא: **https://ocfs.ny.gov/main/localdss.asp**

## וואס געשעט ווען איך רוף די SCR?

עס קען זיין צייטן ווען איר האט זייער ווייניג אינפארמאציע אויף וואס איר באזירט אייער פארדאכט פון אביוז אדער שלעכטע באהאנדלונג, אבער דאס זאל אייך נישט אפהאלטן פון רופן די SCR. א טרעינירטע ספעציאליסט ביי די SCR וועט העלפן באשטימען אויב די אינפארמאציע וואס איר שטעלט צו קען ווערן רעגיסטרירט אלס א באריכט.

די LDSS-2221A *געפאדערטע באריכטער* בויגן קען ווערן גענוצט אייך צו העלפן ארגאניזירן די אידענטיפיצירנדע אדער דעמאגראפישע אינפארמאציע וואס איר האט צו די האנט. מאכט זיכער צו בעטן די SCR ספעציאליסט פאר די "רוף איי. די." באשטימט צודי באריכט וואס איר האט געמאכט.

אויב די SCR שטאט רעגיסטרירט נישט די טשיילד אביוז אדער שלעכטע באהאנדלונג באריכט, זאל די סיבה פאר די באשלוס ווערן קלאר ערקלערט צו אייך. איר קענט אויך פארלאנגען צו רעדן צו אן אויפזעער, וואס קען העלפן מאכן באשלוסן אין שווערע אדער אומגעווענטליכע פעלער.

## לאקאלע CPS ראלע און פאראנטווארטליכקייט

ווען א באריכט ווערט רעגיסטרירט ביי די SCR, ווערט די לאקאלע דעפארטמענט פאר סאושעל סערוויסעס גלייך איינגעמאלדן פאר אויספארשונג און נאכפאלגונג. א לאקאלע CPS קעיס-ארבעטער וועט אנהייבן אן אויספארשונג אין די 24 שעה.

CPS אינטערווענץ באשטייט פון אן אפשאצונג פון די קינד און אנדערע קינדער אין די הויז און די אנטוויקלונג פון א פלאן נאכצוקומען די געברויכן פון די קינד און די פאמיליע. אויב עס איז דא א באלדיגע דראאונג צו די קינד'ס לעבן אדער געזונט, וועט די CPS ארויסנעמען דע קינד פון די הויז.

אויפן פארלאנג, קען די CPS באקומען פון די געפאדערטע באריכטער די רעקארדס וואס פעלן אויס פאר א גאנצע אויספארשונג פון געקלאגטע טשיילד אביוז און שלעכטע באהאנדלונג פאר סיי וועלכע באריכט געמאכט דורך די געפאדערטע באריכטער. די געפאדערטע באריכטער מוז באשטימען וועלכע רעקארדס פעלן אויס פאר די גאנצע אויספארשונג און צושטעלן די רעקארדס צו די CPS ווען פארלאנגט אזוי צו טון.

אין די 60 טעג פון אנהייבן די אויספארשונג, וועט די CPS באשטימען אויב די באריכט איז בארעכטיגט אדער נישט. געפאדערטע באריכטערס קענען בעטן צו ווערן איינגעמאלדן פון די אויסגאנג פון די באריכט.

## געזעץ איינפארסירונג ריפערלס

אויב א רוף צו די SCR שטעלט צו אינפארמאציע איבער א באלדיגע דראאונג צו א קינד אדער פאברעכן געטון קעגן א קינד, אבער די פארברעכער איז נישט אן עלטערן אדער אנדערע מענטש לעגאל פאראנטווארטליך פאר די קינד, וועט די SCR שטאט מאכן א געזעץ איינפארסירונג ריפערל (LER). די פארבינדענע אינפארמאציע וועט ווערן באריכטעט און איבערגעגעבן צו די ניו יארק סטעיט פאליצי' אינפארמאציע נעטווארק אדער צו די ניו יארק סיטי' ספעציעלע וויקטימס לייאסאן איינהייט. דאס איז נישט א CPS באריכט, און לאקאלע CPS וועט נישט זיין באטייליגט.

NEW YORK STATE | Office of Children and Family Services

קיצור וועגווייזער פאר

# געפאדערטע באריכטערס

אין ניו יארק סטעיט

## וועלכע באשיצונג אדער פאראנטווארטליכקייט האב איך? קוואל געהיימקייט

די סאושעל סערוויסעס געזעץ שטעלט צו געהיימקייט פאר געפאדערטע באריכטערס און אלע קוועלער פון טשיילד אביוז און שלעכטע באהאנדלונג באריכטן. OCFS און לאקאלע CPS זענען נישט ערלויבט ארויסצולאזן צו די סאביעקט פון די באריכט סיי וועלכע דאטא וואס וואלט אידענטיפיצירט די קוואל פון א באריכט אויסער אויב די קוואל האט זיי געגעבן געשריבענע ערלויבעניש אזוי צו טון. אינפארמאציע וועגן די קוואל פון די באריכט קען ווערן מיטגעטיילט מיט געריכט באאמטע, פאליציי, און דיסטריקט אדוואקאטן, אבער נאר אין געוויסע אומשטענדן.

## *באשיצונג פון פאראנטווארטליכקייט*

אויב א געפאדערטע באריכטער מאכט א באריכט מיט ערנסט זארג פאר די וואוילזיין פון א קינד, איז ער אדער זי באשיצט פון סיי וועלכע קרימינעלע אדער ציווילע פאראנטווארטליכקייט וואס קען ארויסקומען. דאס איז רעפערירט צו אלס מאכן א באריכט אין "מיט גוטע כוונות."

## *באשיצונג פון פערזענליכע נקמה שריט*

אפטיילונג 413 פון די ניו יארק סאושעל סערוויסעס געזעץ זאגט קלאר ארויס אז קיין שום מעדעצינישע אדער אנדערע פובליק אדער פריוואטע אינסטיטוציע, שולע, פאסיליטי אדער אגענטור לאז נעמען סיי וועלכע פערזענליכע נקמה שריט קעגן אן ארבעטער וואס מאכט א באריכט צו די SCR. נאך מער, קיין שום שולע, שולע באאמטע, טשיילד קעיר פראוויידער, פאסטער קעיר פראוויידער, אדער מענטל העלט פאסיליטי פראוויידער לאז אויסשליין סיי וועלכע באדינגונגען, ארייננעמענדיג שוואכע באשטעטיגונג אדער פריערע מעלדונג, אויף א מידגליד פון זייער שטאב געפאדערט צו באריכטן פארדעכטיגטע טשיילד אביוז אדער שלעכטע באהאנדלונג.

## *שטראפן פאר פארפעלונג צו באריכטן*

סיי ווער וואס איז געפאדערט צו באריכטן פארדעכטיגטע טשיילד אביוז אדער שלעכטע באהאנדלונג—און פארפעלט צו טון אזוי—קען ווערן באשולדיגט מיט א קלאס A מיסדימינער און זיין אויסגעשטעלט צו קרימינעלע שטראפן. נאך ווייטער, געפאדערטע באריכטערס קענען ווערן אנגעקלאגט אין א ציווילע געריכט פאר געלט שאדן פאר סיי וועלכע שעדיגונגען פאראורזאכט דורך די געפאדערטע באריכטער'ס פארפעלונג צו מאכן א באריכט צו די SCR.

## ווער שטעלט צו טרעינירונג פאר געפאדערטע באריכטערס?

די ניו יארק סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט (SED) אפיס פון די פראפעסיאנס קוקט איבער די טרעינירונג פאדערונגען פאר געפאדערטע באריכטערס. געוויסע קאטעגאריעס—ארייננעמענדיג לערערס, אסאך מעדעצינישע פראפעסיאנאלן, און סאושעל ווארקערס—דארפן די טרעינירונג אלס טייל פון זייער לייסענס פאדערונג. די טרעינירונג קען ווערן ארייננעמענדיג אין זייער פראמאלע עדיוקעישן פראגראם.

די ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (OCFS) איז שטאלץ צו זיין א סערטיפייד פראוויידער אויטאריזירט דורך SED צו צושטעלן געפאדערטע באריכטער טרעינירונג און האט אנטוויקלט א פולשטענדיגע קאריקולום מיט אינהאלט צוגעפאסט פאר מעדעצינישע פראפעסיאנאלן, עדיוקעיטערס, געזעץ פארסירונג באאמטע, דעי קעיר פראוויידערס, יומן סערוויסעס שטאב.

OCFS האט מיטגעטיילט די גוט-אויפגענומענע קאריקולום מיט אנדערע סערטיפייד פראוויידערס פון געפאדערטע באריכטער טרעינירונג, אזוי אויך מיט קאלעדזשעס און יוניווערסיטעטן איבער די סטעיט וואס שטעלן צו עדיוקעישענאל פראגראמירונג אין די פעלדער געדעקט דורך די געפאדערטע באריכטער געזעץ.

OCFS שטעלט צו געפאדערטע באריכטער טרעינירונג דורך א קאנטראקט אפמאך מיט די CUNY שולע פון פראפעסיאנאלע שטודיעס.

OCFS שטעלט צו א זעלבסט-אנגעפירטע אנליין טרעינירונג פאר געפאדערטע באריכטערס. די צוויי-שעה'יגע וועב-באזירטע אנליין טרעינירונג קורס איז אוועילעבל 24/7 און איז צוטריטבאר ביי: **www.nysmandatedreporter.org**.

עס איז נישט דא קיין קאסטן צו די באטייליגער.

***ספעציעלע באמערקונג:*** *געפאדערטע באריכטערס וואס דארפן לייסענס אדער סערטיפיקאציע דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו עדיוקעישאן (NYSED) זענען געפאדערט צו נעמען די געפאדערטע באריכטער טרעינירונג פון א טרעינירער וואס איז געווארן באשטעטיגט דורך די ניו יארק סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט. פאר מער אינפארמאציע, ביטע גייט צו:* ***https://www.op.nysed.gov*** *אדער פארבינדט זיך מיט די ניו יארק סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט ביי:*

***OPPLEUCA@mail.NYSSED.gov***.

## אויספיר

באשיצן קינדער און פארמיידן טשיילד אביוז און שלעכטע באהאנדלונג הייבט זיך נישט אן און ענדיגט זיך נישט מיט באריכטן. פרואוון צו פארמיידן טשיילד אביוז און שלעכטע באהאנדלונג קען נאר זיין אפעקטיוו ווען געפאדערטע באריכטערס און אנדערע באזארגטע בירגער ארבעטן צוזאמען צו פארבעסערן די זיכערהייט נעץ אין זייערע קאמיוניטיס.

צו זיין די מערסטע אפעקטיוו, דארף אייער CPS שטארקע פארטנערשיפס אין אייער קאמיוניטי. דורך זיך באקענען מיט די שטאב אין אייער לאקאלע CPS איינהייט, וועט איר באקומען א בעסערע פארשטאנד פון וויאזוי אייער לאקאלע פראגראם איז אויסגעשטעלט, און די CPS וועט בעסער פארשטיין וויאזוי צו ארבעטן מער אפעקטיוו מיט אייך.

דורך ארבעטן צוזאמען, קענען מיר בעסער באשיצן אונזערע עמפינדליכע קינדער.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס**
Capital View Office Park, 52 Washington Street
Rensselaer, New York 12144

צו באריכטן קינדער אביוז און נאכלעסיגקייט, רופט:
**1-800-342-3720**

פאר אינפארמאציע אויף די פארלאזטע פיצל קינד באשיצונג אקט, רופט:
**1-866-505-SAFE (7233)**

געפאדערטע באריכטערס האטליין צו מאכן טשיילד אביוז און שלעכטע באהאנדלונג באריכטן:
**1-800-635-1522**

דזשאסטיס צענטער פאר אינסטיטוציע אביוז:
**1-855-373-2122**

**פאר נאך קאפיעס פון דעם פאמפלעט באזוכט אונזער וועבזייטל ביי: ocfs.ny.gov און קליקט אויף "פובליקאציעס."**

facebook
**https://facebook.com/nysocfs**

**https://mobile.tw itter.com/nysocfs**

**https://mobile.twitter.com/nysocfse spanol**

**Pub-1159** (Rev. 04/2021)